וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז מ׳האט די נתינת כח און די הבטחה אז מ׳וועט מצליח זיין אין אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט בירור העולם, ביז אין אן אופן פון "יפוצו מעינותיך חוצה".

ובפרט אז עס זיינען שוין דורכגעגאנגען כו"כ שנים זינט עס איז געווען דער בירור ותיקון העולם אין אן אופן אז דורך ענינים בלתי רצויים האט מען אויך צוגעגרייט די וועלט צו דער אמונה בה׳ אחד (דורך אמונת הישמעאלים וכיו"ב), ווי דער רמב"ם איז מבאר אין הל׳ מלכים שלו[79] -

וואס נאך דערויף זיינען שוין דורכגעגאנגען כו"כ שנים וואס אידן האבן געטאן זייער עבודה אין לימוד התורה וקיום המצוות, ביז צו כללות מעשינו ועבודתנו במשך זמן הגלות.

און וויבאלד אז "בך בטחו אבותינו גו׳"[80], איז א זיכערע זאך אז עס וועט מקוים ווערן די הבטחה פון "ואתה אמרת היטב איטיב עמך וגו׳".

און דאס קומט אראפ בפועל ממש - אז עס ווערן בטל די אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיטן חושך כפול ומכופל, און נאכמער: זיי ווערן גאר נתהפך לקדושה,

ביז אז עס ווערט דער "ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה׳ המלוכה" (וואס דאס איז דער סיום ההפטרה פון היינטיקן שבת)[81] - בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

צוה לנגן הניגון "בך בטחו אבותינו".

* * *

כא. מאמר (כעין שיחה) ד"ה מרגלא בפומי׳ דרבא כו׳.

* * *

כב. ס׳איז דאך רגיל צו אפלערנען א פסוק פון פרשת השבוע מיט פירוש רש"י, און אויך אן ענין אין די הערות אויפן זהר פון פרשה זו.

אין דעם פסוק[82] "וירץ עשו לקראתו ויחבקהו ויפול על צואריו וישקהו ויבכו", שטעלט זיך רש"י אויף "וישקהו", און זאגט: "נקוד עליו, ויש חולקין בדבר הזה בברייתא דספרי, יש שדרשו נקודה זו לומר שלא נשקו בכל לבו" - ווארום דער בן חמש למקרא ווייסט אז דער ענין פון נשיקה באווייזט אויף אן

- אהבה -

---

79) ספי"א (דפוס קושטא, דט"ט. ועוד). 80) תהלים כב, ה. 81) עובדי׳ א, כא. 82) פרשתנו לג, ד.

אהבה שלמעלה מהגבלה, דארף מען באווארענען אז אין דעם פאל איז "לא נשקו בכל לבו",

דערנאך ברענגט רש"י א צווייטן פירוש: "אר"ש בן יוחאי הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב [איז פארשטאנדיק אז לולא דעם ניקוד וואלט מען געלערנט אז "לא נשקו בכל לבו", און וויבאלד אז "נקוד עליו", לערנט מען אפ דערפון אז] אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו".

וע"פ המדובר כמ"פ וועגן דעם גודל הדיוק אין פרש"י - דארף מען פארשטיין כו"כ פרטים:

א) בשעה רש"י ברענגט צוויי פירושים, איז פארשטאנדיק, אז יעדערער פון די צוויי פירושים בפ"ע איז ניט מספיק, וויבאלד אז אויף יעדן פירוש איז דא א קושיא, וואס דערפאר דארף מען אנקומען צוביידע פירושים - דארף מען פארשטיין: וואס איז די שוועריקייט וואס איז דא אויף יעדערן פון די צוויי פירושים, וואס צוליב דערויף דארף מען אנקומען צו ביידע פירושים?

ב) פארוואס איז רש"י מקדים אז "יש חולקין בדבר הזה" - מ'געפינט דאך כמ"פ אז רש"י ברענגט אראפ צוויי פירושים, און איז דערצו ניט מקדים אז "יש חולקין בדבר הזה" (וויבאלד אז ער ברענגט אליין אראפ ביידע פירושים)?

ג) למאי נפק"מ אז דער "יש חולקין בדבר הזה" איז "בברייתא דספרי" - אין ספרי פ' בהעלותך אויפן פסוק[83] "או בדרך רחוקה", און אין דערויף גופא - למאי נפק"מ אז ספרי איז א ברייתא, וואס דערפאר זאגט ניט רש"י "בספרי" סתם, נאר "בברייתא דספרי"?

ד) פארוואס ברענגט רש"י דעם נאמען פון בעל המאמר - "אר"ש בן יוחאי", וואס איז נוגע אין פשש"מ (עכ"פ פאר א תלמיד ממולח) צו וויסן אז דעם פירוש האט געזאגט ר"ש בן יוחאי?

ה) פארוואס זאגט רש"י "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב" - למאי נפק"מ אז "הלכה היא", און אז די הלכה איז "בידוע"?

וואס אע"פ אז דאס איז דער לשון הספרי - האט מען דאך אבער געערדט כמ"פ אז בשעה ס'איז נוגע צו פשש"מ איז רש"י משנה אפילו דעם לשון פון א פסוק, ועאכו"כ בנוגע צו א לשון פון א מאדז"ל - איז וויבאלד אז בנדו"ד ברענגט רש"י דעם לשון הספרי, איז פארשטאנדיק, אז אין פשש"מ איז נוגע אז

- מ'זאל -

---

83) בהעלותך ט, י.

מ׳זאל וויסן אז "הלכה היא", און אז די הלכה איז "בידוע".

ועד"ז זיינען דא נאך כמה דיוקים, וואס זיי וועלן נתבאר ווערן בדרך ממילא דורך דעם ביאור אין די דיוקים האמורים לעיל.

וכמדובר כמ"פ אז אין פרש"י זיינען אויך דא ענינים של רמזים, ובלשון השל"ה[84] - נפלאות שבתורה, אבער צום אלעם ערשטן דארף דאס זיין פארשטאנדיק אין פשש"מ פאר א בן חמש למקרא, וכפי שיתבאר לקמן.

כג. אין די הערות אויפן זהר פון פרשה זו, שטעלט ער זיך[85] אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר[86] "פתח ואמר חיים שאל ממך נתת לו וגו׳[87] . . חיים שאל ממך דא דוד מלכא וכו׳ ומאדם קדמאה הוו שבעין שנין דאתקיים דוד מלכא בעלמא".

ד.ה. אז דאס וואס "אתקיים דוד מלכא בעלמא", איז עס געווען דערפאר וואס אדה"ר האט אים געגעבן משנותיו שבעים שנה - וואס אדה"ר האט געדארפט לעבן אלף שנה (וויבאלד אז "יומו של הקב"ה אלף שנים"[88]), און בפועל האט ער געלעבט 930 יאר, וויבאלד אז ער האט אפגעגעבן שבעים שנה צו דוד׳ן.

און דערנאך איז ער ממשיך אין זהר: "תו אבהן שבקו לי׳ מחייהון כל חד וחד, אברהם שבק לי׳ וכן יעקב ויוסף כו׳, יעקב הוה לי׳ לאתקיימא בעלמא כיומי דאברהם ולא אתקיים אלא מאה וארבעין ושבע שנין, חסרים תמניא ועשרין כו׳, יוסף דאתקיים מאה ועשר שנין הוה לי׳ לאתקיימא מאה וארבעין ושבע שנין כיומי דיעקב, וחסר מנהון תלתין ושבע שנין, הא שבעין שנין דשבקו לי׳ לדוד מלכא לאתקיימא בהון, ובהו אתקיים דוד בכל אינון שנין דשבקו לי׳ אבהן".

איז ער מבאר אויף דערויף אין די הערות[89], אז דער קיום פון דוד איז געווען דורך די שנים וואס ער האט באקומען פון די אבות דוקא, און ניט דורך די שנים וואס ער האט באקומען פון אדה"ר (וואס דערפאר האט ער געלעבט נאר שבעים שנה, און ניט מאה וארבעים שנה) - "כי הע׳ שנה שניתן לו מאדה"ר הוא לצורך בנינה דמל׳ . . והע׳ שנה ששבקו לי׳ אברהם יעקב ויוסף, הוא לצורך זיווגא דמל׳ . . ועיקר קיומה דהמל׳ נוקבא הוא בזיווגא דוקא כו׳".

אויף דעם זעלבן ענין שטעלט זיך אויך דער צ"צ אין ספר

- המצוות -

----

84) במס׳ שבועות שלו קפא, א. 85) לקוטי לוי"צ לזח"א ע׳ קל. 86) ח"א קסח, א. 87) תהלים כא, ה. 88) במדב"ר פי"ד, יב. 89) שם ע׳ קלו.

ומרירו למיתקא"[132], אז "לילה כיום יאיר"[133],

בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

* * *

לג. דער ביאור אין פירוש רש"י:

דער ערשטער פירוש אז "לא נשקו בכל לבו", איז ניט מספיק, ווייבאלד אז אויף דערויף איז דא א קושיא פון פשטות הכתובים:

ווייבאלד אז אין פשטות הכתובים ווערט דערציילט אז "וירץ עשו לקראתו ויחבקהו ויפל על צואריו . . ויבכו", און דערנאך ווערט דערציילט אז (עשו האט ניט געפירט קיין מלחמה מיט יעקב׳ן, נאר אדרבה:) עשו האט געזאגט יעקב׳ן "נסעה ונלכה ואלכה לנגדך"[134], און דערנאך האט ער אים געזאגט "אציגה נא עמך מן העם אשר אתי"[135], כדי אז זיי זאלן אים היטן און ארויסהעלפן - איז ניט מסתבר צו זאגן אז "לא נשקו בכל לבו", ווייבאלד אז דאס שטימט ניט מיט המשך הכתובים.

[אין מדרש[136] שטייט טאקע אז דאס וואס עשו האט מציע געווען יעקב׳ן "אציגה נא עמך מן העם אשר אתי", איז עס ניט געווען כדי אז זיי זאלן אים היטן און ארויסהעלפן, נאר ס׳איז געווען פארבונדן מיט א כוונה בלתי רצוי׳ - אבער רש"י ברענגט ניט דעם מדרש, ווייבאלד אז דאס איז ניט פשש"מ, און פשש"מ איז אז דערמיט האט ער אים געוואלט טאן א טובה.

ועד"ז זעט מען אז רש"י ברענגט ניט דעם פירוש המדרש[137] אז "לא בא לנשקו אלא לנשכו כו׳" - ווייבאלד אז דער פירוש איז ניט מתאים מיט פשוטו של מקרא].

און דערפאר ברענגט רש"י דעם צווייטן פירוש - אז "נשקו <u>בכל לבו</u>", וואס דער פירוש איז מתאים מיט המשך הכתובים.

אבער דער צווייטער פירוש אליין איז אויך ניט מספיק - ווארום דעמולט איז ניט פארשטאנדיק צוליב וואס דארף מען אנקומען צום ניקוד אויף צו וויסן אז "נשקו בכל לבו", דאס איז דאך מובן פון פשטות הכתובים - און דערפאר מוז מען אנקומען צוביידע פירושים.

לד. ביי א תלמיד מבולח ווערט אבער א קושיא (אויפן צווייטן פירוש):

- ווייבאלד -

---

132) זח"א ד, א. 133) תהלים קלט, יב. 134) פרשתנו לג, יב. 135) שם, טו. 136) ראה ב"ר פע"ח, טו. 137) ב"ד שם.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וויבאלד אז די "מלאכים" האבן איבערגעגעבן יעקב'ן אז "באנו אל אחיך אל עשו וגם הולך לקראתך וארבע מאות איש עמו"[138], ווי רש"י טייטשט אפ אז "הוא נוהג עמך כעשיו הרשע, עודנו בשנאתו", און דערנאך האט יעקב טאקע געזעהן אז "הנה עשו בא ועמו ארבע מאות איש"[139] - איז ווי קומט דאס טאקע אז עשו האט זיך גלייך געביטן, ביז אין אן אופן אז "וירץ עשו לקראתו ויחבקהו ויפול על צואריו וישקהו", אין אן אופן אז "נשקו בכל לבו"?!

איוף דערויף זאגט רש"י "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב, אלא שנכמרו רחמיו באותה שעה, ונשקו בכל לבו". והביאור בזה:

דער בן חמש למקרא ווייסט אז אן ענין של "הלכה", קען זיך ניט בייטן, ווארום וויבאלד אז אזוי איז די הלכה, קען ניט זיין קיין סיבה וואס זאל דאס איבערבייטן.

ולדוגמא: ווען איינער איז מחוייב מלקות ע"פ הלכה, וועט אים קיין זאך ניט העלפן, און ער דארף באקומען די מלקות; ער קען געבן א מתנה דעם שופט, ער קען געבן א מתנה דעם אויבערשטן דורך מקיים זיין אן אנדער מצוה, און ער קען דאוונען צום אויבערשטן וכיו"ב - דאס בייט אבער ניט די הלכה, און ער דארף באקומען מלקות.

און ווי מ'געפינט ביי אדה"ר אז בשעת ער האט עובר געווען אויפן אויבערשטן'ס ציווי, האט ער דערפאר באקומען אן עונש, און עס האט ניט געהאלפן קיין תירוץ אז "האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ ואוכל"[140] - ווארום וויבאלד אז ער האט געהערט דעם ציווי פון דעם אויבערשטן (אן ענין של הלכה) אז "לא תאכלו ממנו"[141], טאר ער ניט עובר זיין אויף דערויף אפילו ווען מ'זאגט אים אז דורך דעם איז "והייתם כאלקים יודעי טוב ורע"[142], ווארום אן ענין של "הלכה" קען זיך ניט בייטן.

און אויף דערויף זאגט רש"י אז בנדו"ד האט זיך די "הלכה" אז "עשו שונא ליעקב" אויך ניט געביטן, עס איז מער-ניט וואס "נכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו", וואס דאס איז ע"ד הענין פון "הוראת שעה", וואס די הלכה בייט זיך ניט, עס איז מערניט וואס אלס "הוראת שעה" דארף עס זיין באופן אחר.

און אע"פ אז דער בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט

- דעם -

---

138) פרשתנו לב, ז. 139) שם לג, א. 140) בראשית ג, יב. 141) שם, ג. 142) שם, ה.

 הנהות הת' בלתי מוגה

דעם סיפור אין הנ"ך[143] וועגן אלי' הנביא בהר הכרמל, וואס דארפן איז געווען אן ענין של "הוראת שעה"[144] - האט ער אבער געלערנט אן ענין וואס איז בדוגמא לזה:

דער בן חמש למקרא האט שוין געלערנט אז יעקב האט געזאגט צו רחל "כי אחי אביה הוא"[145], און רש"י טייטשט אפ: "אם לרמאות הוא בא, גם אני אחיו ברמאות".

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: יעקב איז דאך געווען "איש תם יושב אהלים"[146], איז ווי קומט צו אים אן ענין של "רמאות" - דאס איז דאך אן ענין וואס איז היפך התורה?!

איז דערפון פארשטאנדיק, אז בשעת עס קומט א זמן מסוים וואס דעמולט דארף מען האבן צוטאן מיט לבן'ן, דארף דעמולט זיין די הנהגה פון "גם אני אחיו ברמאות", אע"פ אז ע"ד הרגיל איז עס אן ענין בלתי רצוי, וואס דאס איז בדוגמת הענין פון "הוראת שעה".

ועד"ז איז מובן בנדו"ד, אז ס'איז ניט דער טייטש אז די "הלכה" האט זיך געביטן (ווארום אן ענין של "הלכה" קען זיך ניט בייטן), עס איז מערניט וואס "נכמרו רחמיו באותה שעה", ע"ד הענין פון "הוראת שעה", און דערפאר איז "נשקו בכל לבו".

לה. און רש"י איז מוסיף "הלכה היא בידוע כו'", ד.ה. ניט נאר אז "הלכה היא", נאר די הלכה איז "בידוע". והביאור בזה:

בשעת ס'איז געווען דער "וירץ עשו לקראתו גו' וישקהו", זיינען דאך דערביי געשטאנען די נשים און די ילדים (פון יעקב), און אויך די "ארבע מאות איש" (פון עשו).

איז וויבאלד זיי זעהן אז "וישקהו", קענען זיי דאך א טעות האבן און מיינען אז עשו האט טאקע ליב יעקב'ן, ביז איך אן אופן פון "וישקהו" - און ס'איז דאך נוגע צו וויסן ווי זאל זיין די הנהגה מיטן צד שכנגד.

זאגט אויף דערויף רש"י "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב", ד.ה. אז די "הלכה" אז "עשו שונא ליעקב" איז א דבר ידוע צו אלעמען, אויך צו די נשים וילדים און די ארבע מאות איש, ובמילא פארשטייען זיי אז דער "וישקהו" איז מערניט וואס "נכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו", אבער ע"ד הרגיל איז "עשו שונא ליעקב".

- וואס -

---

143) מ"א יח, כג ואילך. 144) ירושלמי תענית פ"ב ה"ח ובקה"ע שם. ועוד. 145) ויצא כט, יב. 146) תולדות כה, כז.

הנהת הה' בלתי מוגה

וואס דאס לערנט מען אפ פון דעם ניקוד, אז אע"פ אז "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב", איז אבער "נכמרו רחמיו באותה שעה ונשקו בכל לבו".

דערביי דארף מען אויך האבן דעם ביאור פארוואס ברענגט רש"י דעם נאמען פון בעל המאמר - "אר"ש בן יותאי", וכפי שיתבאר לקמן.

לו. דער ביאור אין דעם תיווך צווישן דעם ביאור פון צ"צ אין מצות מינוי מלך, מיטן ביאור פון לקוטי לוי"צ אין די הערות אויפן זהר:

אין לקוטי לוי"צ איז מבואר אז די "ע׳ שנה שניתן לו מאדה"ר הוא לצורך בנינה דמל׳ . . והע׳ שנה ששבקו לי׳ אברהם יעקב ויוסף, הוא לצורך זיווגא דמל׳".

וואס דער חילוק צווישן בנין המלכות מיט זיווג המלכות איז - אז בנין המלכות איז פארבונדן מיט עצם ספירת המלכות, און זיווג המלכות איז פארבונדן מיט דעם ענין פון תולדות, ווארום עיקר ענין הזיווג איז כדי אז עס זאלן ארויסקומען תולדות, ד.ה. אז דער ענין הזיווג איז דער ענין הגילוי - דער גילוי פון די תולדות.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק ווי דאס איז מתאים מיטן ביאור פון צ"צ אין מצות מינוי מלך, אז די ע׳ שנה וואס דוד האט באקומען פון אדה"ר איז דער ענין פון עצמיות החכמה, און די ע׳ שנה וואס ער האט באקומען פון די אבות און יוסף איז פאר-בונדן מיט חכמה שבמדות און מדות [ה׳ תסדים, דער מילוי פון שם אדנ"י, און ג"ד און ז"ת], וויבאלד אז דער ענין פון חכמה שבמדות און מדות ווערן נמשך און נתגלה אין מלכות, און פון מלכות קומט דאס אראפ אין בי"ע, און כללות ענין הגילוי (פון חכמה און מדות אין מלכות) ווערט אנגערופן בלשון הקבלה בשם זיווג.

לז. ויה"ד אז אזוי ווי מ׳רעדט וועגן דעם ענין פון מינוי מלך, איז פון דעם דיבור בזה זאל מען זוכה זיין צו דעם ענין פון מינוי מלך בפועל - וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין המשיחה.

וואס אע"פ אז די גמרא זאגט אין הוריות[147] אז "אין מושחים מלך בן מלך",

[לויטביידע פירושים שבזה: א) א "בן מלך" דארף ניט

- האבן -

----

147) יא, ב.

האבן דעם ענין פון משיחה, ב) א "בן מלך" דארף אויך האבן דעם ענין המשיחה, נאר משיחת אביו ווערט נמשך אויך אויף אים[148] -

זאגט דאך אבער די גמרא דארטן אז בשעת עס זיינען דא במה בנים דארף מען האבן דעם ענין המשיחה, און אפילו ווען דער בן מלך איז א בן יחיד, איז עס דוקא "בזמן ששלום בישראל", אבער בשעת ס'איז דא אן ענין של מחלוקת, דארף מען האבן דעם ענין פון משיחה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעה עס וועט זיין דער ענין פון מינוי מלך לע"ל, וועט מען דארפן האבן דעם ענין המשיחה, וויבאלד אז מ'קומט פון זמן הגלות, וואס עינינו איז דער ענין פון מחלוקת וכו'.

וואס דאס איז איינער פון די טעמים אויף דעם וואס משיח צדקנו ווערט אנגערופן בשם "משיח", בדוגמת "כהן המשיח"[149], וויבאלד אז ביי אים וועט זיין דער ענין המשיחה.

ויה"ר אז ס'זאל זיין בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

* * *

לח. דער ביאור אין דעם וואס רש"י בדענגט אדאפ דעם נאמען פון בעל המאמר - "אר"ש בן יוחאי":

א תלמיד ממולח קען פרעגן א שאלה: ווי קען זיין אז עשו, וואס איז "שונא ליעקב", זאל זיך מיטאמאל בייטן, און ביי אים זאל זיין "נשקו בכל לבו"?!

אויף דערויף זאגט רש"י אז דעם מאמר האט געזאגט ר"ש בן יוחאי - וואס עפ"ז ווערט מען פאדשטיין ווי האט זיך עס געקענט בייטן

והביאור בזה:

ר"ש בן יוחאי איז געווען אין א גלות בתוך גלות, ווי די גמרא[150] דערציילט אז צוליב גזירת המלכות האט זיך רשב"י באהאלטן אין דער מערה י"ב שנה (א גלות בתוך גלות), און דערנאך איז ער געווען אין דער מערה נאך איין יאר.

און דערנאך ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון דער מערה, דערציילט די גמרא דארטן אז "כל היכא דהוה מחי ר' אלעזר הוה מסי ר"ש", ד.ה. אז ר"ש האט אויפגעטאן אן ענין של

- רפואה -

---

148) ראה צפע"נ להוריות שם. 149) ויקרא ד, ג. ועוד. 150) שבת לג, ב.

הנחה הת' בלתי מוגה

דפואה.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער אויפטו פון רשב"י איז - "מסי ר"ש", ד.ה. אז אע"פ אז ס'איז דא אן ענין בלתי רצוי, איז מען דאס מתקן אז ס'זאל זיין כדבעי.

עד"ז געפינט מען אז רשב"י האט געזאגט[151] "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", ד.ה. ניט אז ס'איז מלכתחלה ניטא קיין ענין של דין, נאר אפילו ווען די וועלט געפינט זיך אין א מעמד ומצב אז ס'איז דא אן ענין של דין, זאגט רשב"י אז "יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", וואס דאס איז דער אויפטו פון רשב"י אז בכחו איז צו מהפך זיין אן ענין בלתי רצוי.

ועפ"ז איז פארשטאנדיק דאס וואס רש"י ברענגט אראפ דעם נאמען פון בעל המאמר - "אר"ש בן יוחאי":

וויבאלד אז דער אויפטו פון רשב"י איז, אז ער איז מתקן און איז מהפך די ענינים בלתי רצויים שבעולם, זאגט רשב"י אז אע"פ אז "הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב", טוט מען אבער אויף אז ס'זאל זיין דער "נשקו בכל לבו", וואס דאס איז דער אויפטו פון רשב"י - מהפך זיין די ענינים בלתי רצויים שבעולם.

לט. האמור לעיל איז די מעלה פון רשב"י דוקא:

אע"פ אז ר' אלעזר איז געווען אין מערה צוזאמען מיט רשב"י, און רשב"י האט געזאגט[152] "ראיתי בני עלי' והן מועטין . . אם שנים הן אני ובני הן", וואס דערפון איז פארשטאנדיק גודל מעלתו פון ר' אלעזר -

זעט מען אבער אז "כל היכא דהוה מחי ר' אלעזר הוה מסי ר"ש", ד.ה. אז דוקא בא רשב"י איז געווען די מעלה פון "מסי", אז ער האט מתקן געווען די ענינים בלתי רצויים וואס זיינען געווען בעולם.

וואס אין דערויף איז דא אן ענין וואס איז דורש ביאור:

דער דין[153] איז אז "חכם שאסר אין חבירו רשאי להתיר".

פרעגט זיך די שאלה: וויבאלד אז ר' אלעזר האט געטאן דעם ענין פון "מחי" (ע"ד ווי ער אסר'ט די זאך), איז ווי האט ר"ש געקענט טאן דעם ענין פון "מסי" (ע"ד ווי ער איז מתיר די זאך)?

- וי"ל -

----

151) סוכה מה, ב. 152) שם. 153) ברכות סג, ב. וש"נ. רמ"א יו"ר סרמ"ב סל"א.

וי"ל הביאור בזה:

דורך דערויף וואס "הוה מחי ר' אלעזר", האט ער גע'פועל'ט אז זיי זאלן דערהערן אז זייער מעמד ומצב איז בלתי רצוי, ובכילא האבן זיי תשובה געטאן; און נאך דערויף וואס זיי האבן תשובה געטאן, האט געקענט זיין דער ענין פון "מסי ר"ש".

ע"ד ווי עס ווערט דערציילט אין זהר[154] בנוגע צו "כפר טרשא", אז דורך דערויף וואס "קבילו עלייהו דלא יתבטלון באורייתא לעלם, ואחליפו שמא דקרתא וקארון לה מאתא מהסיא" איז בטל געווארן די גזירה.

און דוקא רשב"י האט דאס געקענט אויפטאן, ווי ער זאגט אין זהר[155] אז "אית הד ואנא הוא דכתיב[156] וצדיק יסוד עולם".

מ. און דאס איז דער כללות הענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא, ד.ה. ניט אז מ'איז מבטל דעם חושך, נאר מ'איז עס מהפך צו אן ענין של אור.

ע"ד ווי דאס איז בנדו"ד, אז מ'איז מהפך דעם ענין וואס "עשו שונא ליעקב", אז ס'זאל זיין דער "נשקו בכל לבו".

און אויף דערויף זאגט מען[157] "מיני' ובי' אבא ניזיל בי' נרגא" - "מעצמו של יער יכנס בתוך הגרזן להיות בית יד ויקצצו בו את היער"[158], וואס דא איז עס אויך אין אן אופן פון אתהפכא, ד.ה. ניט אז כ'פארברענט דעם "יער" און כ'מאכט דערפון אפר, נאר פון דעם "יער" גופא מאכט מען א "גרזן" אויף צו אפשניידן דעם "יער".

וואס דעם ענין פון "מיני' ובי' אבא כו'" ברענגט די גמרא אלס דוגמא אויף דעם וואס "עובדי' גר אדומי הי'" - אז דאס איז אין אן אופן פון "מיני' ובי' אבא ניזיל בי' נרגא".

[ועד"ז געפינט מען אז "מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק"[159] - וואס דאס איז אויך אן ענין פון אתהפכא].

וואס דערפון זעט מען אז בנוגע צו "אדום", וואס "עשו הוא אדום"[160], געפינט מען דעם ענין פון אתהפכא, ווארום "עובדי' גר אדומי הי'" - וואס דאס איז ע"ד האמור לעיל אז מ'איז מהפך דאס וואס "עשו שונא ליעקב", און עס ווערט דער "נשקו בכל לבו".

- ר.ה. -

---

154) ח"א קא, ב. 155) שם רנה, סע"א. 156) משלי י, כה.
157) סנהדרין לט, ב. 158) פרש"י שם ד"ה מיני'.
159) גיטין נז, ב. 160) פרשתנו לו, א.

ד.ה. ניט אין אן אופן ווי עס שטייט אין דער הפטרה[161] אז "והי' בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש ודלקו בהם ואכלום ולא יהי' שריד לבית עשו" - נאר עס ווערט דער ענין פון אתהפכא.

מא. די הוראה דערפון אין עבודת האדם:

עס דארף זיין דער ענין פון "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך"[162] - אוועקגיין פון די אייגענע רצונות און רגילות'ן וכו', און אויסהאקן פון זיך (דורך אן ענין של "גרזן") אלע שטותי העולם, און מהפך זיין די אלע ענינים לקדושה.

וואס דעמולט ווערט נתגלה דער פנימיות הרצון פון א אידן, וואס מצד פנימיות רצונו וויל יעדער איד מקיים זיין דעם אויבערשטן'ס רצון[163].

און בשעת עס ווערט נתגלה דער אמת'ער רצון פון א אידן, ווערט אויפגעטאן דער ענין פון "לרצונכם תזבחוהו"[164], וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון הקרבת הקרבנות אין בית המקדש -

בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש, וואס "ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו כמצווה עלינו בתורתך", אין אן אופן פון "כמצות רצונך"[165], במהרה בימינו ממש.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א צוה להכריז אודות ה"מלוה מלכה" ד"מבצע נש"ק", ונתן את המזונות עבור ה"מלוה מלכה".

*

---

161) עובדי' א, יח. 162) לך לך יב, א. וראה המשך תרס"ו ע' שצז ואילך. לקו"ש ח"א ע' 17 ואילך. ובכ"מ. 163) ראה רמב"ם הל' גירושין ספ"ב. 164) קדושים יט, ה. וראה ר"ה ו, א. וש"נ. רמב"ם הל' מעשה הקרבנות פי"ד הט"ז. 165) ראה תו"ח ויחי צה, א. צו, ג-ד. אוה"ת ויחי (כרך ו) תתשכח, ב. ד"ה וככה תרל"ז פי"ז ואילך.